STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11596

# DER INTELIGENT

Peretz Hirschbein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּרץ הירשביין.

# דער אינטעליגענט

אַ דראַמאַ אין 3 אַקטען.

פערלאַג א. גיטלין, וואַרשאַ.

וואַרשא, תרס"ז.

# די פערזאָנען:

אפרים. אַ טעסליער, 50 יאָהר.

רחל. זייז פרוי, 50 יאָהר.

נחום. 25 יאָהר } זייערע קינדער.

אסתר. 21 יאָהר }

אריה. רחל'ס אַ ברודער, 45 יאָהר.

גאלדע. אַ נייטאָרין.

יצחק. אַ קאָוואַל

חיים.

שרה.

פאליציאנט, דווארניק, מענשען.

דער ערשטער און דער דריטער אַקט קומט פאָר אין אַ אויעזדנע שטעדטיל. דער צווייטער אַקט קומט פאָר אין אַ גרויסע שטאָדט אין דער ליטא.

# ערשטער אקט.

## בײ אפֿרים'ן אין דירה.

א חילצעריין הויז אין עק שטאָדט, די סצענע בעשטעהט פֿון א שמאָל לאַנגען צימער מיט דרײ פֿענסטער רעכטס. לינקס, בײם טיהר א גרויסער באַק=אויוען, אביסעל ווײטער א וואַנד=אויווען, צווישען די אויווענס א טיהר אין א צווײטען קלענערען צימער. אויפֿ'ן מיט'ן שטוב שטעהט אויף א קלײן בענקעלע א בעקערשע דײזשע, אנטקעגען שטעהט א טיש מיט אפּאָר בענקלאך. נעבען די פֿענסטער א שלאָפֿבאַנק, נעבען טיהר רעכטס, שטעהט א שרענקיל און נעבען איהם אויף דער ערד שטעהט אנגעשטעלטע טעפּלאך, טעלער א. ד. ג. נעבען אויווען, אין ווינקעל, שטעהט א פֿאַמילע צום אויווען, א קאָטשערע, א. ד. ג.

ערב חשון. נאָך האלבער נאַכט.

א לאַנגע ווײלע איז שטיל און פֿינסטער אויף דער סצענע. ס'פֿאַנגט זיך אָן הערען פֿון צווײטען צימער קרעכצען — דאָס ס'קריפּען פֿון א בעט און ווידער שטיל. ס'הערען זיך מידע טריט. רחל קומט אריין פֿון צימער, אין דער פֿינסטער איז איהר שווער צו מערקען. שטעהט א ווײלע אין מיטען שטוב, גריבעלט זיך עפּעס אין טיש=קעסטעל, געפֿינט דאָרט שוועבעלאך, צינדט אײנס אָן און קוקט זיך ארום בײם שײן. זי געהט אָנגעטאָהן אנ'אַלט קלײדעל און ניט קײן פֿערשפּילעט יאַקעלע. אויפֿ'ן קאָפּ א טיכעל. בײם טיש זעהט זיך אסתר שלאָפֿט אנגעשפּאַרט אויף די הענד.

דאָס שוועבעלע פֿערלעשט זיך, זי צינדט אָן נאָך איינס, נעהמט אראָב פֿון וואנד דאָס לעמפּיל און צינדט עס אָן. רעדט צו זיך אליין: „ניטאָ נאָך" „אַזוי שפּעט, נאָך ניטאָ" קוקט אַ ווײַלע אויף אסתר'ן און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. וואַשט די הענד. הוסט זיך שטאַרק פֿונאַנדער.

אסתר (ערוואַכט זיך). וואָס ביזטו מאַמע, אַזוי פֿריה אויפֿגעשטאַנען.

רחל. אַזוי שלאָפֿסטו עם די גאַנצע נאַכט? (קוקט זי אָן מוטערליך).

אסתר. ווי שפּעט קען עם איצטער זיין?

רחל. אַרום דרײַ געווים.

אסתר. אַ זייגער צוועלף האָב איך געענדיגט די אַרבייט און כ'בין אַנדרעמעלט געוואָרען. כ'האָב געמיינט אַז נחום וועט באַלד קומען, צום סוף... ביזט שוין, מאַמע, אויפֿגעשטאַנען קנעטען דעם ברויט?

רחל. יאָ, מיין קינד. ס'וועט ניט זיין אויף מאָרגען וואָס צו פֿאַרקויפֿען. מען מוז באַלד איינהייצען אין אויווען. (שווייגט אַ ווײַלע). גאָט צו דאַנקען, היינט דאָס גאַנצע ברויט פֿערקויפֿט געוואָרען. ווען כ'וואָלט נאָך פֿאַר אַ יאָהרען געווען אָנגעהויבען באַקען; חאָטש ס'איז ניט פֿאַר מיינע כחות. (זי נעהמט אַראָב דעם צודעק פֿון דייזשע). מען קאָן שוין באַלד הייצען אין אויווען, שוין אויפֿגעגאַנגען, פֿערקנעטען און גלייך הייצען.

אסתר. אַ גרויסער גליק.

רחל. און וואָס, מיין טאָכטער, האָסטו אַנ'עצה, אַנ'אַנדערע!

אסתר. אַנ'עצה... ווען דער טאַטע וואָלט פֿערדינט.

רחל. ווען כ'וואָלט נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק אָנגעהויבען באַקען ברויט וואָלט אָפּשר דער טאַטע ניט געבליבען אָהן הענד.

אסתר. וואָלט ער ניט אַראָבגעפֿאַלען פֿון צווייטען שטאָק!

רחל. (זיפֿצט).

אסתר. אייב דו ווילסט, מאַמע, וועל איך אַליין פֿערקנעטען דעם ברויט, גוט מאַמע?

רחל. עט; סיי ווי בין איך שוין אויפֿגעשטאַנען, געה

לעג זיך ווי געהעריג איז — נעה בעסער שלאפען. (שארט אין אויווען מיט דער קאטשערע). די אנדערע נאכט שוין בלייבט זיין ארט ליי־דיג. (זיפצט).

אסתר. ער איז נאך ניט געקומען?

רחל. זעהסט דאך.

אסתר. איך בין געווען אזוי מיד — ווי א שטיין בין איך געפאלען. מיר האט זיך פון שלאף גערוכט, אז נחום קלאפט אין טיהר.

רחל. אפשר האט ער געקלאפט און קיינער האט ניט גע־הערט? נאר דער טאטע וואלט דאך הערען. מאכט מיט אג'אוית ניט צו די גאנצע נאכט. (שווייגט א ווייל). וואס רעכענסטו, ביי איהר זאל ער אזוי שפעט זיין?

אסתר. כ'זוייס ניט וואס איהר פלאפעלט — זי מיט'ן טא־טען האבען זיך איינגערעדט — „ביי איהר" „ביי איהר"? ער האט קיין שום הויז ניט. (שפיל).

אפרים. (רעדט שוואך פון צווייטען צימער). נחום איז נאך ניטא?

רחל. ניטא.

אפרים. הא — הא — הא...

רחל. אז ס'איז קיין מזל ניטא איז נאך אלעמען.

אפרים. וואס האט עס צו מזל? אז דאס איז קיין מענש ניט.

אסתר. וואס איז ער עס קיין מענש ניט?

רחל. אלע אין שטאדט זענען מיר נאך מקנא.

אפרים. א בחור פון פינף און צוואנציג יאהר — און דאס זענגט ביי קראנקע טאטע מאמע אויפ'ן האלז.

רחל. (לעגט האלץ אין אויווען אריין, זיפצט).

אפרים. אייערע „מענשען"... געלערענט, געלערמערט, געלערמערט... און קיין קאפיקע אפילו קאן עס ניט פערדינען.

רחל. אז ווען ער וואלט נאר וועלען... ס'איז קיין מזל ניטא. (פארעט זיך ביים אויווען).

אפרים. „א מלאכה איז מלוכה" האב איך איין מאל געזאגט. ווען ער וואלט געווען א בעל מלאכה. ניט א פימש

טיש—אַ לײדיג־געהער—װאָס װאָלט איהם איצטער געפעהלט, װאָס?

אסתר. דו ביזט דאָך אויך אַ „בעל מלאכה"?

אפרים (בײז). איהר הערט אַ ביסעל? איך בין דאָך אויך אַ „בעל מלאכה"... װאָס װאָלט מיר פעהלען איך זאָל האָבען בײדע הענד? איך זאָל זײן געזונד... איך האָב דאָך אײך אויסגעהאָרעװעט... איך בין געגאַנגען אָפּשר בעטלען פאַר אײך—װאָס? קײן מאָל האָט קײן ברויט ניט געפעהלט אין שטוב.

רחל. ס'איז פאַרהאַן מלאכות, און עס איז פאַרהאַן מלאכות.

אפרים. כ'מײן. װער הײסט איהם ער זאָל זײן אַ טעסליער? ס'פעהלט מלאכות, װאָס? אַ זײגערמײסטער, למשל; װאָס פעהלט אַ זײגערמײסטער? אַ רײנע און אַ גרינגע מלאכה—װאָס נאָך?

רחל (קניעט). אַודאי, אַודאי...

אסתר. װען ער װאָלט די גימנאַזיע.

רחל. אַז ס'איז ניטאָ קײן מזל.

אפרים. אַ פערדישקײט! זײ חזר'ען עס נאָך איבער. אַ טעסליערס אַ זון, אַ קבצן װעט מען אין גימנאַזיע לאָזען. —משוגע זענט איהר? ס'קען גאָר אויף דער װעלט ניט זײן... קוקט װער ס'איז דאָרטען—מאַגנאַטען!... נאָר צו װאָס דאַרף ער אין גאַנצען מלאכות? ער האָט דאָך נאָך דעם טאַטען ניט אויסגעצויגען דעם גאַנצען קליאַק פון די בײנער.

אסתר. שװײג נאָר דאָרט, טאַטע; אויב דו ביזט שוין אַזוי װעל איך דיר זאָגען, אַז ניט דײן ברויט עסט ער.

אפרים (בײז). װאָס?! דײנס עסט ער? איך עס אָפּשר איך דײנס? נײן! איך דאַרף ניט! מעהר דאַרף איך דײנע קײן פרוטה ניט... װי כ'האָב געלעבט ביז איצט װעל איך לעבען װײטער אויך; אָפּשר װעט גאָט אויף מיר זיך מרחם זײן און װעט מיר צוריק אומקעהרען מײנע הענד.

רחל. ער האָט שוין אָנגעהויבען... און װאָס זאָגט זי? אַודאי איז זי גערעכט. װאָס, קענסט איהם ארויסטרײבען פון שטוב, װאָס?

אסתר. אָבער ער שטענדיג זײנם—אַז זײן זון זאָל זײן

א „תּם״; אַז דאָס פֿערשטעה איך וואָלט איהם געפֿעלען זיין.

רחל. ביזט אַ נאַר, מיין קינד; מיט מיין גאַנצען לעבען וואָלט איך וועלען אַז מיין קינד זאָל זיין מיט לייטען גלייך. דערצו דאַרף מען אָבער האָבען געלד. ווען ער וואָלט געוועזען זיצען אין בית־מדרש לערנען, וואָלט ער שוין אפֿשר געוועזען מהוּן אַ שידוך... כ'וואָלט שוין אפֿשר זוכה געוועזען ביי דעם וואָס אין הימעל צו זעהן מיט מיינע אויגען אַנ'איינ׳קעל... איצטער, אַ טאָג נאָך אַ טאָג לויפֿט אַריבער... אַ וואָך נאָך אַ וואָך... נאָר אין הימעל ווייסט...

אפֿרים. ער האָט דאָך עפּעס דאָרט אַ „גאָך שלעפּעניש״ וואָס שלעפּט זי זיך איהם נאָך? צוויי מתים געהן טאַנצען... דאָרטען שרייט איצטער אויך—וואָס מיינסטו?

רחל. אויף זיינע סאַבראַניעס מוז ער זיין.

אפֿרים (קומט אַרויס אויף דער סצענע, אָנגעשפּאַרט אויף אַ גראָבען שטעקען. די רעכטע האַנד הענגט אונטערגעבונדען אויף אַ טיכעל. אַ כאַלאַט איבער די אַקסלען; אויף די באָרוועסע פֿיס קאַלאָשען). יאָ, יאָ, די גאַנצע וועלט וועט ער גליקליך מאַכען.

אסתּר. זאָג מיר, טאַטע, וואָס געפֿעלט דיר יאָ?

אפֿרים. די וועלט מאַכט איהר חרבֿ! אַנ'איבערקעהרעניש ברענגט איהר אָן; רוהען לאָזט איהר ניט! (זעצט זיך ביים צווייטען עק טיש אַנטקעגען אסתּר'ן).

אסתּר. ווער לאָזט דיר נישט רוהען?

אפֿרים (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). ווער ס'לאָזט מיר ניט רוהען? אַ—אַ—אַ.. ווער בעט איך?...

רחל. ער וועט נאָך חלילה אין טורמע פֿערפֿאַלען ווערען. מען טאָר נאָך ניט רעדען, ווער איז מיר.

אסתּר (אין אפֿרים'ס זייט). זיי ווילען העלפֿען אַלע אומגליקליכע אַזוי ווי דו.

אפֿרים (מיט אַ ביטערען שמייכעל). „אַזעלכע אומגליקליכע ווי דו״ האַ—האַ. זיי קאָנען מיר העלפֿען? וואָס, מיינע געזונטע הענד וועלען זיי מיר צוריק געבען?

אסתּר. מיט דיר איז ניטאָ וואָס צו רעדען.

אפֿרים (געהט אום). יאָ, יאָ... מיט'ן טאַטען קאָן מען ניט

רעדען ... וואס פערשטעהט א טאטע ? (צו רחלען). ווילסט שוין הער־צען אין אוועק ?

**רחל.** אודאי. געה לעג זיך. ס'איז דען ניט בעסער דיר צו ליגען ?

**אפרים.** כ'האב שוין קיין זייטען ניט. כ'מאך דען צו טיט אנ'אויג די גאנצע נאכט ?

**אסתר.** דאגה'סט פאר דער וועלט.

**אפרים.** כ'פארשפאר דאגה'ן פאר דער וועלט. עס שטייען מיר מיינע אייגענע צרות.

**אסתר.** פאר וואס איך האב קיין חתונה ניט ; וואס נחום זיצט נאך א בחור.

**רחל.** וואס מיינסטו טאכטערשי — ס'אקליינע זארג ? דער מוח טריקענט אין קאפ !

**אפרים.** זיי ווייסען זעהר אויף וואס פאר א וועלט זיי זענען.

**אסתר** (אויפגערעגט). כ'בעט אייך ניט איהר זאלט דאגה'ן פאר מיר און ניט איהר זאל ניט שלאפען צוליב מיר. לאזט מיר צו רוה !

**רחל.** ווער זאל דאגה'ן אויב ניט מיר ?

**אסתר.** אפילע האט איהר מיר אנגעהאלפען מיט אייער קרעכצעריי דא. (מען קלאפט).

**אפרים.** דער תכשיט... געהט עפענט איהם דארט.

**אסתר** (געהט ארויס עפענען די טהיר).

**אפרים.** ס'איז ניט געהערט געווארען אין דער האלבער וועלט, אז דריי א זייגער, נאכט אין נאכט, זאל מען זיך ארויסלאזען אהיים.

**נחום** (קומט אריין. א מיטעלע וואוקס. א בלאס נערוועזעס גע־געזיכט. מיט א קליין טונקעל בערדעל. טראגט ברילען. **אסתר** געהט איהם נאך). גוט נ'אבענד וואס קוקט איהר מיר אלע אזוי אן ?, איהר האט מיך ניט דערקענט ? (ווארפט פון זיך אראב זיין מאנטעל).

**אפרים.** כ'האב דיך דערקענט. (שטיל).

נחום. וואָס פאַר אַ חשמר איז עס היינט ביי אייך? נאָך גאָר ניט געגאַנגען שלאָפען?

רחל. איך בין איינגעשטאַנען קנעטען דעם ברויט — און זיי — ווייס איך אַליין ניט וואָס זיי זיצען. ווילסט אפשר געהן עפּעס עסען?

אפרים (געהט אריין אין צווייטען צימער, קרעכצט).

נחום (קוקט איהם נאָך). וועמען בעקלאָגט ער?

אסתר. לאָז איהם.

נחום (צו אסתר'ן). וואָס שלאָפסטו ניט?

אסתר. כ'בין אָנגעשפּאַרט אָן טיש אָבגעשלאָפען ביז איצטער.

רחל. הער, נחום, איך וועל דיר געבען עסען און אַליין וועל איך זיך נאָך צושפּאַרען. כ'וועל שפּעטער אַביסעל איינהייצען.

נחום. קאָנסט געהן שלאָפען, כ'בין ניט הונגעריג.

רחל. וואו האָסטו געגעסען?

נחום. כ'האָב געגעסען.

רחל. הערסט זיך אפשר צו וואָס דער טאַטע קרעכצט?

אפרים (פון צימער). „דער טאַטע קרעכצט", דער טאַטע איז ● הונד אין שטוב.

נחום (אונגעריכט). מאַמע, מיינע וועש זענען אין אָרדענונג?

אסתר. פאָהרסטו טאַקי?

רחל. וואָס, וואָס פאָהרען? וואָס פאַר אַ וועש?

אסתר. און וועז?

רחל (פערוואונדערט). וואָס איז עס דיר פּלוצלונג אריין אין קאָפּ? האָסט זיך דערשראָקען פאַר'ן טאַטען?

נחום. איך האָב זיך ניט דערשראָקען פאַר'ן טאַטען. כ'האָב דאָ ניט וואָס צו זיצען, פאָהר איך.

רחל. און וואָס מיינסטו איז ערגעץ אַנדערש וואו? אומעדום אַלץ איין שוואַרץ יאָהר.

נחום. כ'וועל זוכען וועל איך געפינען.

אפרים (פון קאַמער). ווען ער וואָלט זוכען קאָן מען דאָ אויך געפינען וואָס צו טהון. מיליאָנער מענשען האָבען וואָס צו

טרן, לעבען, נאר ער אליין... (שטיל, קיינער מערקט ניט זיין רעדען).

**אסתר** (אין דער שטיל). איך הײם דיר ניט פאהרען

**נחום** (שווייגט).

**רחל** (געריהרט). לאזען זיך אין פרעמדע שטערט—וועסט דאך דארט פון הונגער שטארבען.

**נחום**. גענוג מיר צו עסען נדבה־ברויט.

**רחל**. וואס פאר א נדבה ברויט? ווער רעדט דיר אמאל אוים חאטש איין איינציגווארט?

**אפרים**. זאל ער זיך פאהרען, זאל ער זיך פאהרען וואוהין זיין הארץ גלוסט איהם. א בחור פון פינף און צוואנציג יאהר—צייט אליין צו פערדינען פאר זיך.

**רחל** (דורך טרעהרען). אין נאטעס ווילען. פערמאך דארט דיין מויל. א מענש וואס טונקט ניט איין קיין האנד אין קאלטע וואסער—זיצט אין שטוב און מאכט אלעמען דעם טויט... וואס קערהסטו דארט די וועלט, וואס?

**אפרים**. אכזרים! מיין לעבען האב איך צוליעב אייך אויבערגעפירט, אהן הענד בין איך געבליבען. (געהט ארוים אויף דער סצענע). ביז ווי לאנג נאך? ביז ווי לאנג וועל איך מיינע ארערען ציהען?! גענוג גענוג!

**אסתר**. קיינער בעט ביי דיר גאר ניט. טשעפע נאר דו קיינעם ניט. צו עסען האסטו; א וואו צו זיין...

**אפרים** (רייסט זי איבער). כ'וויים, — כ'וויים, אז איהר ווילט איך זאל מיט'ן קאפ פערלייגען, (טופעט מיט די פיס). הער דו חצופה! דיינע האר וועל איך דיר אויסרייסען אויב כ'וועל עס פון דיר נאך א מאהל הערען. (געהט אין צימער אריין).

**נחום**. ש־ש־ש, נאר ניט אזוינע גוואלדען. ראשית טשעפעט דיר קיינער ניט און ווידער האט קיינער פאר דיר קיין מורא ניט, איהר האט געהערט קולות אביסעל?

**רחל** (בעט זיך). לאזט איהם קינדער, לאזט איהם — ער איז דאך משוגע געווארען.

**נחום**. ווער האט מורא פאר איהם. טאנצט ניט ווייסענדיג וואס... האב איך וועש?

רחל. נאך וואס פאהרסטו?

אסתר (וויינט). זאל ער מיר זאגען פאר וואס מאכט ער מיר שטענדיג מיט דער בלאטע צו גלייך? פאר וועלכע מעשים מטראשעט ער מיר שטענדיג, אז ער וועט מיר די האר אויסרייסען? שוין אכט יאהר אז איך ארבייט ווי א פערד, פערדין מעהר פון איהם און ער—זיינינעס, אז ער קארמעט מיר... אויב אזוי פאהר איך אויך אוועק פון דאנען; וועלען מיר זעהן צו דיר וועט בעסער ווערען.

רחל. אבער האט רחמנות אויף מיר— ניט טענה'ט מיט איהם.

אפרים (בעוויזט זיך אין טיהר). מיינע יסורים רעדען אין מיר. די גאל פלאצט מיר צוקוקענדיג זיך וואס ער טהוט זיך אב אין מיין שטוב. (שוואכער). א „שונא" איז זיי זייער טאטע מיינען זיי. שלעכץ ווינשט ער זיי— מיינען זיי. (צו אסתר'ן). יעדער איינציגע פרוטה וואס איך נעהם ביי דיר שטעכט מיר אין הארצען ווי מיט א מעסער... כ'קאן ביי נאכט מיט קיין אויג ניט פערמאכען טראכטענדיג וואס פון אייך וועט ווערען...

אסתר. קיינער בעט דיך ניט דו זאלסט דאגה'ן פאר אונזערט וועגען.

אפרים. ווער זאל דאגה'ן אויב ניט איך? — אכט יאהר אז זי מאכט קארסעטען און אפילו קיין צובראכענעם שיללינג האט זי ניט — האט קיין העמד אויף דאס לייב ניט. און יענער דאגה'ט פאר דער וועלט... פאר אלעמען; די גאנצע וועלט מיט א מאל וויל ער גליקליך מאכען!

נחום. אפשר וועסטו מאמע בעטען ער זאל געהן שלאפען אדער, לכל הפחות, זאל ער שווייגען די פאר שעה ביז כ'וועל אוועק פאהרען?

רחל (טהוט א מאך מיט'ן האנד און געהט אריין אין צווייטען צימער).

אפרים. „אין צוויי שעה ארום פאהרט ער אוועק", (צו אסתר'ן). האסט איהם שוין אנגעגרייט עטליכע רובל?

אסתר. דו וועסט איהם ניט געבען.

אפרים. (צו אסתר'ן) וואָס וועט זײַן דײַן סוף, זאָג? זאָג וואָס וועט ווערען פֿון דיר אויב דו אַלײַן ווערסט פֿאַר זיך ניט זאָרגען? (נחום געהט אַרויס אויף דער גאַס). ביז ווי לאַנג וועסטו זיצען אַ מויד זאָג? דײַנע צעפּ וועלען דיר ווײַס ווערען, ווער וועט וועלען אויף דיר אַפילו אַ קוק טהון?... וואָס וועסטו מאַכען אָהן געלד? — יעדער גבזה בעט געלד...

רחל. (פֿון צימער). דאָס זאָג איך אויך.

אפרים. וואָס זענען בײַ זיי טאַטע מאַמע... (געהט צום פֿענסטער און קוקט אַרויס אין דער פֿינסטערניש). שולדיג איז זי. ווען זי וואָלט איהם ניט געגעבען אויף דער הוצאה וואָלט ער געמוזט האָרעווען, אָדער ער וואָלט חאַטש, לכל הפּחות, ניט געווען אַזוי אַרײַנגעטהון אין זײַנע הבלים. אַז ער איז נאָך געווען אַ קלײַנער בין איך געווען מחויב איהם צו קאָרמענען — אָבער איצטער... אַזוינע קינדער דאַרפֿען שוין מפרנס זײַן טאַטע מאַמע.

רחל. איך פֿאַרלאַנג עס חלילה ניט פֿון זיי.

אפרים. און פֿאַר וואָס טאַקי ניט? אַז גאָט האָט מיך געשטראָפֿט, איך בין אָהן הענד געבליבען — צו איז עס אַ תכלית קנעטען דײַזשעס צו די עלטערע יאָהרען? נאָך וואָס האָרעוועט מען קינדער אויב זיי זאָלען ניט אונטער שטיצען צו די עלטערע יאָהרען?

אסתר (ערענסט). איך אַרבײַט פֿאַר נחום'ען.

אפרים. און ער אַלײַן?

אסתר. איהר פֿערשטעהט זעהר אַ סך ווער אײַער קינד איז.

נחום (קומט אריין). נו וואָס, איהר וועט שוין אויפהערען? ס'קאָן שוין זײַן גענוג... (שלעפּט אַרויס אַ טשעמאָדאַן פֿון אונטער'ן שלאָף באַנק). זי וויל זיי צו דער עלטער אַנ'אַנדער קאָפּ אויף די פּלײַצעס אַרויפֿזעצען... כ'ווײס צי מײַנע זאַכען וועלען אַרײַן...

אסתר. געוויס ניט אַרײַן.

רחל (קומט אריין שטעלט זיך אין מיטען שטוב). נו וואָס, דו פֿאָהרסט טאַקי?

נחום. וועהסט דאָך.

רחל. וואָס האָסטו מיר פריהער ניט געזאָגט?

נחום. טאָ וואָס וואָלט געוועזן?

רחל. וואָלט איך וואָס צוגעגרייט פאַר דיר, כ'וואָלט וואָס אָבגעבאַקען ביים ברויט אין וועג אַריין צו נעהמען (נאָך אַ קורצען שווייגען, מיט אַ שוואַכע שטימע). זאָג, וואוהין פאָהרסטו?

נחום. כ'ווייס ניט וואוהין איך פאָהר.

רחל (קוקט איהם גלייך אין פנים). וואָס הייסט דו ווייסט ניט וואוהין דו פאָהרסט?

נחום. דער עקר וואָס כ'פאָהר פון דאַנען אַוועק.

רחל. וואָרום, וואָס פעהלט דיר דאָ?

נחום (ענטפערט ניט. פאַרעט זיך אין טשאַמאַדאַן).

רחל (צו אסתר'ן). דו האָסט דאָך געוואוסט אַז ער פאָהרט אַוועק, וואָס האָסטו גאָר ניט געזאָגט?

נחום (אין כעס). וואָס האָב איך אייך פאַר אַ מעשיות צו דערצעהלען?! פרעגען ביי אייך עצות? איך דאַרף פאָהרען, פאָהר איך!

אפרים (פון צימער). טענה מיט זיי, טענה — זיי וועלען דיר נאָך אויסבאַטשען אויך.

רחל (קעהרט זיך אָב). אַ פאַלשע וועלט, וועה איז מיר, נאַריש, פאַלש... מען טאַכט זיך עם אַליין דעם טויט פאַר קינדער... די אויגען אויסגעקלאָגט (געהט צום אוווען). וואָס איז מיין גאַנץ מאַטערען זיך אויף דער וועלט אויב ניט צוליעב די שטיקלעך קינדער?... פאַר וועמען קנעט איך די דייזשעם מיט מיינע לעצטע כחות אויב ניט צוליעב די קינדער?... דער טאַטע ליגט אָהן הענד (וויינט).

נחום (געהט אום איבער'ן צימער אויפגערעגט).

אפרים. ווי די הינט האָב איך זיי געדאַרפט אַרויסטרייבען, וואָלטען זיי איצטער ניט העגגען איבער מיין קאַרג.

נחום. ווער האָט דיר געבעטען פריהער האָבען קינדער און צו טרייבען זיי דערנאָך ווי הינט פון שטוב אַרויס?

אסתר. וואָרום וועמען קאָרמעט ער?

אפרים (קומט אריין). מערדער! זעהט, ווער האט עס מיר געמאכט, הא?! (בעוויזט זיין צובראכענע האנד). צוליעב וועמען לייד איך אזעלכע צרות? ווי פיאווקעס האט איהר מיר מיין בלוט אויסגעזויגען! א פינף און צוואנציג יאהריגער בחור — וואס העננסטו אויף מיין האלז?! כ'האב קיין כח נים! גענוג!

רחל (צו אפרים). בערוהיג זיך; וואס נעהמסטו זיך אזוי דעם לעבען?

אפרים. וואס הייסט?! ווי קען איך צוזעהן און שווייגען? די גאל פלאצט אין מיר! כ'קען נים צוזעהן וואס ביי מיר אין שטוב מהוט זיך אב... צו דאס איז מיין סוף? אזוי איז מיין סוף צו די עלטערע יאהרען?... כ'האב געהארעוועט דעם גאנצען לעבען אויף זיי... אהן כחות געבליבען און איצטער זאל איך אזוינס אנקוקען... פאר קיין פאל נים! ממזרים! כל זמן איך לעב...

רחל. אפרים! ביזט משוגע געווארען?...

אפרים. כ'בין נים משוגע געווארען... די יסורים מיינע רעדען אין מיר.

אסתר. אויב דו וועסט אזוי קערען די וועלט, פאהר איך אויך אוועק פון דאנען.

אפרים. געהט זיך! געהט!... כ'בעדארף אייך נים. זאל זיך מיר דוכטען אז כ'האב גאר קיין מאל קיין קינדער נים געהאט... אויב אזוינע קינדער, איז שוין בעסער גלייכער גאר נים... פאהרט אייך! גענוג!

רחל. אפרים!...

אפרים (געהט אריין אין צימער).

אסתר. טרייב מיר נים, כ'עס נים דיינס... פאר דירה בעצאהל איך אויך.

רחל. ווער בעט ביי אייך חשבונות?...

אפרים. געהט אייך, געהט... איהר זאלט נאר צוריק נים קומען.

נחום (זעצט זיך ביים טיש אנגעשפארט דעם קאפ אויף ביידע הענד).

**אסתר.** שרעק זיך ניט, ער וועט צוריק צו דיר ניט קומען.

**אפרים.** „ער וועט צוריק צו דיר ניט קומען". מען וועט איהם פון הימעל פאלען! פאר דער גאנצער וועלט דאנה'ט עס, נאר ניט פאר זיך... קיין העמד האט עס ניט אויפ'ן לייב... פון זינען געה איך ארויס בעטראכטענדיג וואס ביי מיר אין שטוב טהוט זיך... ער זעהט דער מאמע איז קראנק, א גוסס, אהן הענד, געהט אוים — און ער זארגט פאר דער וועלט... ס'איז גאר ניט צו גלויבען אז מען זאל עס וועמען דערצעהלען... ער פאהרט... וואס וועט ער דארט טהון? א שטריק זאל ער נעהמען און הענגען זיך דארטען...

**רחל.** כ'ווייס אז דו וואלסט עס וועלען.

**אפרים.** מיר איז סיי ווי אלץ איינס. אייזער אזוינע קינדער — גלייכער נאר ניט. כ'בעדארף גאר ניט, כ'וועל פארקויפען די שטוב, דעם שטאל און כ'וועל ווי ס'איז לעבען. כ'וועל זיצען אין בית מדרש אונטער'ן אויווען און תהלים זאגען. איהר האט מיר דערקירצט מיינע יאהרען. סיי ווי וועל איך שוין לאנג ניט אנציהען...

**רחל.** אפשר פינפציג מאהל האב איך שוין געהערט די חכמה.

**אפרים.** דאס וואסער גרייכט מיר שוין ביז'ן האלז!

**נחום** (געהט אום אויפגערעגט).

**רחל** (וויינט). פארוואס האב איך עס אזוי פערזינדיגט ביי גאט?... פאר וואס שטראפט עס מיר גאט אזוי? וויעה איז מיר... איין זאך איז מיר געבליעבען; אנבינדען א שטיין אויפ'ן האלז און אריינווארפען זיך פון בריק אין וואסער אריין... א קללה פון גאט ליגט אויף מיין שטוב... א קללה פון גאט. (א דריקענדע פויזע).

**אסתר.** ווער שטערט אייך אייער רוה? וואס קעהרט איהר די וועלט ניט וויסענדיג פאר וואס און פאר ווען?... ווער משפעט אייך? ווער נעהמט ביי אייך?... קיינער בעדארף ניט אייערס... כ'קען שוין ניט צוהערען... ער טרייבט מיר פון שטוב...

ער וועט מיר די האר פון קאפ אויסרייסען... פאר וואס?.. צו ווייסט ער וואס ער רעדט?... פאר וועמען הארעווע איך פון פריה ביז נאכט? ער האט צוּבראָכען א האַנד — וועמען מאכט ער שולדיג? זי קנעט די דייזשעס... איך בלענד מיר מיינע אויגען ביי די קארסעטען — און ער זיצט אין שטוב און פערביטערט דאס לעבען... (שטיל).

נחום (בלייבט שטעהן אנטקעגען טיהר פון צימער). ביזט גערעכט מאַמע... יא, יא ביזט גערעכט... עלטערע קינדער דארפען ניט הענגען ביי טאטע מאמע אויפ'ן קארג... (מאכט מיט'ן האנד) ביזט גערעכט... ביזט גערעכט...

פארהאנג.

צווייטער אקט.

# פרץ הירשביין.

א סאַלקע אין אַ פאָרשטאָדט.

אַרום די ווענד שטעהן דריי אייזערנע בעטען, אין מיטען צימער אַ רונדער טישעל. אויפ'ן טיש ברענט אַ לאָמפּ מיט אַ ווייסען אַבאַזשור. אויף די ווענט, ערטערווייז, הענגען בגדים. אָנפאַנג חשון, אין אָבענד.

**נאַלדע** (אַ אָנדרינקע פון אַ יאָהר 24 זיצט ביים טיש און נעהט מיט פלייס אַ לאַנגע ווייסע. הויבט זיך אויף: געהט דורך אַ פּאָר מאָל דורכ'ן צימער, רעכענט וואָס, פריהער אויסווענינ, נאַכהער מיט אַ בלייַשטיפט אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער. זעצט זיך צוריק צו איהר אַרבייט. ס'הערען זיך טריט הינטער'ן טהיר. זי הערט זיך צו).

**נחום** (קומט אַריין). גוט נ'אָבענד. (בלייבט שטעהן נעבען פענסטער).

**נאַלדע**. פריה געקומען. ס'איז גאָר נ‍ִיט געווען קיין פער־זאַמלונג?

**נחום** (שוואַך). ס'איז יאָ געווען (אין אַ ווײַלע אַרום). די מיידעל איז שוין אַוועקגעגאַנגען?

**נאַלדע**. זי איז אַוועקגעגאַנגען (אין אַ ווײַלע אַרום). וואָס ביזטו עפעס אויפגערעגט? ס'האָט וואָס געטראָפען ראָרט?

**נחום** (שווייגט).

**נאַלדע** (זוכט אויפ'ן טיש). אַ בריעף איז פון דיינעטוועגען אָנגעקומען—אָט איז ער (דערלאַנגט איהם).

**נחום**. פאַר מיר? פון וואַנען? וואָס שרייבט מען מיר? (נעהמט דעם בריעף אָהן חשק).

**נאַלדע** (שמייכעלט). פון וואַנען זאָל איך וויסען וואָס מען שרייבט דיר? וואָס איז מיט דיר היינט?

נחום (לעזט דעם בריעף פערוואונדערט). די שוועסטער... אסתר קומט צו פאָהרען!

גאָלדע. דיין שוועסטער? היינט?

נחום (קוקט אין בריוועל אריין). אַ קומט; היינט נאָך, ווייזט אוים קומט זי.

גאָלדע. נאָך וואָס, שרייבט זי ניט?

נחום. דאָס איז עפּעס ניט אומזיסט. ס'האָט וואָס געטראָפען אין דער היים.

גאָלדע. אין בריעף איז גאָר ניט דערמאָנט, וואָס זי קומט?

נחום. אָט שרייבט זי (לעזט): „איך האָב בעשטעטיגט נאָך מאָרגען ארויסצופאָהרען. כ'פאָהר מאָרגען ארוים" (טראַכט אַ ווײַלע זוכט אין די קעשענעס). וואָס קאָן איצטער זיין דער זייגער — ניטאָ קיין זייגער... זי קומט מיט'ן צוג, יאָ זי איז שוין געוויס אויפ'ן וואָקזאַל.

גאָלדע. רעכענסט איהר געהן בעגעגענען?

נחום. כ'וואָלט וויסען געוויס אז כ'וועל זיך מיט איהר טרעפען וואָלט איך געגאַנגען.

גאָלדע. זי מוז דאָך האָבען דיין אַדרעס; זי וועט מסתמא טרעפען (שטיל).

נחום (לעזט נאָך אַ מאָל פאַר זיך דאָס בריוועל). וואָס קען זי עם פלוצלינג איצטער קומען?

גאָלדע. וואָס ביזטו אַזוי צורודערט? אָט וועסטו באַלד האָבען אַ גאַסט... זי מוז זיין אַ „מענש" די שוועסטער דיינע.

נחום. נו, נו.

גאָלדע. אפשר איז דיר ניט אַנגענעהם צו טרעפען זיך מיט איהר דאָ ביי מיר אין שטוב?

נחום (אַביסעל ווי פערשעמט). וואָס הייסט?

גאָלדע. אַזוי זיך; ס'איז ניט אַנגענעהם...

נחום (שווייגט).

גאָלדע (שפּאַרט אין איהם איהרע אויגען). זאָג, נחום, שעם זיך ניט פאַר מיר — ס'איז דיר ניט אַנגענעהם?

נחום. אַלעס איינס...

נאַלדע. פֿון דעסטוועגען בעטראַכט זיך, אויב...

נחום (אַביסעל אויפגערעגט). ניט דאָס אין גאַנצען.

נאַלדע (אומרוהיגליך). כ׳פֿערשטעה ניט, נחום.

נחום (שווייגט).

נאַלדע. ס׳איז דיר דאָ ענג מיט מיר?..

נחום (פעסטער). ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש. ניט אַלץ איז גרינג אַרויסצורעדען... ס׳קומט אַמאָל אויס ניט ווילענדיג צו שווייגען.

נאַלדע (ווי זי וואָלט װאָס שפירען). אַדרבה, פֿאַר מיר מעגסטו אַלץ רעדען. פֿאַר מיר האָסטו גאָר ניט וואָס צו בעהאַלטען...

נחום (קוקט ניט אין נאַלדעס זייט). פֿערקעהרט, מיר איז דאָ ניט ענג מיט דיר צוזאַמען.. ניין כ׳וועל עס קיין מאָהל ניט זאָגען... מיר פֿערדריסט מעהר ניט אויף איין זאַך — אויף זיך אַליין פֿערדריסט מיר... גלייך ווי מיר האָבען זיך בעקאַנט האָב איך דיר פֿערגעסען צו זאָגען עטליכע ווערטער — מעהר ניט ווי אַ פּאָר ווערטער...

נאַלדע. האָסט גאָר ניט פֿערשפּעטיגט; קענסט נאָך איצט מער אויך זאָגען.

נחום (רעגט זיך, רייסט, ניט שפירענדיג דעם בריעף אויף שטיקליעך). כ׳האָב פֿערגעסען דיר צו זאָגען אַז מיין איצטיגער בעציהונג צו דיר האָט קיין שום שייכות ניט מיט מיין צוקונפֿט... כ׳מיין ניט חלילה אַז איך און דו... ניין, דאָס לעבען צווינגט, טיט גוואַלד צווינגט עס.

נאַלדע (שמייכלט זיך). וואָס עפּעס פּלוצלינג האָסטו גענומען פֿילאָזאָפֿירען... צוקונפֿט... צוקונפֿט...

נחום. זאָל איך גאָר ניט קלערען איבער מיין צוקונפֿט?

נאַלדע (מיט אַ געמאַכטע פֿעסטקייט). דאָס האָט מיט דעם גאָר ניט וואָס צו זאָגען... איך שעץ דיך... איך, פֿערשטעהסט, ניט מעהר ווייל מיר אַרבייטען אין איינעם... פֿאַר איין אידיאַל... ניט נאָר פֿאַר מיינער אָדער פֿאַר דיין צוקונפֿט אַליין...

נחום. האסט פערגעסען וואס דו האסט מיט א מאנאט צוריק גערעדט.

גאלדע. כ׳האב גערעדט... ס׳איז געווען נארישקייטען... כ׳האב קיין מאהל אין מיין אייגענעם לעבען... אין מיין פריוואטען לעבען... ניין, מיר איז געווען טייער דאס וואס כ׳האב געפונען א חבר אין לעבען מיט וועמען אין איינעם צו קעמפפען...

נחום (זיין שטימע ציטערט). ווייסט ניט וואס כ׳לעב איבער, וואס ביי מיר אין הארצען איז.

גאלדע. איך וויל גאר ניט טראכטען וועגען מיין פריוואטען לעבען. ווען כ׳האב א מאהל געפלוידערט וואס... דאס איז געווען מעהר ניט א שפיעלכעל אויף א סעקונדע...

נחום (נאך א קורצען שווייגען). כ׳האב צופיעל מקריב געווען מיין לעבען... (שטייפער). פאר פרעמדע וועגען האב איך מיין גאנץ לעבען געאפפערט.

גאלדע (פערוואונדערט). כ׳פערשטעה דיך ניט.

נחום. דאס גאנצע לעבען מיינס, מיין הארץ מיט מיין נשמה אין איינעם האב איך אוועקגעגעבען... כ׳בין שוין באלד זעקס און צוואנציג יאהר אלט... אלץ—אלץ אוועקגעגעבען...

גאלדע (בלאס). כ׳האב געשפירט וואס... כ׳האב די לעצטע צייט געמערקט וואס אויף דיין פנים... נאר דאס... (פעסט) פאלג מיר, נחום — פערגעס, אלץ פערגעס... דאס איז עפעס מעהר ניט ווי אנ׳אנדרוק אויף א מינוט... פערגעס!..

נחום. איך קאן ניט פערגעסען. צופיעל דערמאנט מען עס מיר.

גאלדע. וואס הייסט?

נחום. געוויס דערמאנט מען מיר... כ׳פערלאנג ניט מען זאל מיר פאר מיין ארבייט צאהלען מיט כבוד. — ניין, ניט דאס פערלאנג איך... נאר מען זאל מיר פערשטעהן... פיהלען מיין... כ׳האב דאס רעכט צו פאדערן... כ׳האב דאס רעכט...

גאלדע (רייסט איהם איבער). יעדער בעזונדער פערשטעהט דיר און...

נחום (רעגט זיך). א טעות! פאלג מיר א טעות... דום,

הײַט גרויסע... כ'האָב מיר אַלײן אויסגעלאַכט. דעם גאַנצען לעבען מײַנעם שטרײַט איך מיט די פּאַראַזיטען... מיט די מענשען פרעסער... און הײַנט... האָב איך זיך דערוואוסט אַז איך אַלײן בין ניט מעהר ווי „אַ פּאַראַזיט"... אַז איך אַלײן בין אַ „גאָר־נישט", — אויף יענעמ'ס חשבון פּיטער איך זיך

גאלדע. קײנער זאָגט עס ניט

נחום (מאַכט מיט'ן האַנד). מעהר אַרבײַטען — קאָן איך ניט! (גערט אום).

גאלדע. וואָס איז געשעהן אַזױנס?

נחום (רעדט צו זיך אַלײן). אַלץ געשלײַדערט... אַלץ נעוואָרפען... אַלץ פערגעסען... כ'האָב פערגעסען אַז איך בין אַלײן אַ שטיקעל מענש... כ'האָב דאָס רעכט וועגען זיך אויך צו טראַכטען... פּלוצלינג דערמאָנט מען מיר אַז איך לעב אויף זײער רעכנונג... זײ לײַדען... זײ הונגערען... ציהען די ערדען... און די אינטעליגענטען לעבען אַ וואוילען טאָג פאַר זײער שווײס...

גאלדע. און אַז עפּעס אַ אידיאָט האָט געזאָגט... (עס קומען אַרײַן חיים, זלמן, יצחק און שרה. בעגריסען זיך מיט גאָלדען)

נחום (שטעהט בײַם פענסטער דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזען).

שרה (צו גאָלדען) פאַר וואָס ביזטו הײַנט ניט געקומען אויף דער פערזאַמלונג?

גאלדע. כ'האָב ניט געהאַט קײן צײַט.

חיים (צו נחומ'ען) אָט איז ער דער יחסן. וואָס ביזטו אַנטלאָפען געוואָרען?

יצחק. אונזערע אינטעליגענטען פעהלט נאָך אַביסעל ערציהונג.

זלמן. פאַרמאַך דײַן מויל וועט זײַן פיעל גלײַכער.

חיים (בײז). יצחק! אויב דו וועסט מיט גוטען ניט שווײַגען וועט מען דיר מיט געוואַלד...

יצחק. דאָס מויל פערמאַכען?

גאלדע (פיהרט אָב אָן אַזײט שרה'ן און זײ סוד'ן זיך).

**זלמן** (זעצט זיך). וואָס פאַר אַ טומעל עס זאָל ניט ווערען אין גרופּע איז שטענדיג יצחק שולדיג...

**יצחק** (שפּאַצירט אום). איהר פערשטעהט זעהר אַ פולע. אלע פערשטעהט איהר... מען טאָהר קיין וואָרט ניט אויסרעדען... ארום געהן מיט פערמאַכטע אויגען... כ'בעדאַרף איבער זיך קיין נאַטשאַלניקעס ניט האָבען.

**זלמן**. אָבער ווער ביזטו פאַר אַ „איינער" זאָג?

**חיים**. איך וועל אַלע מיינע כחות אָנווענדען מען זאָל איהם אויסשליסען פון דער אָרגאַניזאַציע...

**יצחק**. מיט אַזאַ סטראַשוניק וועט איהר מיר מיין מויל ניט פערשליסען...

**שרה**. כ'זאָג אז אַלע מחלוקת'ן קומט אַרוים פון איהם.

**יצחק**. איהר קענט זיך מיר אויסשליסען, אויסמעקען... דאָס מויל וועט איהר מיר ניט פערמאַכען... כ'בין אַ פראָסטער אָהן שפּיצען ווי איהרע... אַז כ'זעה אַן עולה — זאָג איך — קיינע עוולות פערטראָג איך ניט!

**נאַלדע** (שפּאַרט אויף יצחק'ן איהר בליק). למשל, זאָג.

**יצחק**. „למשל" זיי ווייסען וואָס איך וויל... צוליעב דעם איז נחום היינט ענטלאָפען געוואָרען פון דער פערזאַמלונג. ניטאָ ביי מיר קיינע יחסנים!

**נחום** (געהט אום איבער'ן צימער, ווי ער וואָלט גאָר ניט הערען וואָס מען רעדט).

**נאַלדע** (ווענדט זיך צו שרה). זאָג, וואָס איז געשעהן?

**יצחק**. איך...

**חיים** (רייסט איהם איבער). „איך". וואָס פאַר אַ „איך" ביזטו עפּעס?! האָסט קיין שום דעה ניט — אַ פראָסטער חם ביזטו!...

**יצחק** (ווענדט זיך קאַלט צו אַלעמען). איהר האָט געהערט? זאָגט, איהר האָט געהערט נאָר וואָס?.. (בעווייזט אויף חיים'ן). אָט געגען ווען איך שטרייט... מיט אַלע מיינע כחות וועל איך קעמפּפען אַז דאָס זאָל ניט זיין ביי אונז... כל זמן מיר וועלען הערען פון אונזערע נאַטשאַלניקעס אַזוינע ווערטער, קענען מיר ניט געהן מיט זיי האַנד ביי האַנד!..

**חיים**. ווײַל דו ביזט אַ „חם”; אַ „איריאָט” ביזטו.

**יצחק**. כ'האָב אויף דיר קײן פּעררדוס ניט...

**נחום** (בלייבט שטעהן אין מיט'ן צימער). איך בין שוין דער־גאַנגען פאַר וועמען איך ברענג קרבנות.

**שרה**. דאָס קען איך אויך ניט פערטראָגען. צעהן־מאָל אַ טאָג הער איך פון אונזערע אינטעליגענטען אַז דאָס גאַנצע לע־בען זײַערס וועלען זײ מקריב פאַר אונז... כ'האָב עס פײַנד.

**יצחק** (צו זיך). מען טאָהר ניט זאָגען אַז די אינטעליגענטען לעבען אויף דעם רעכנונג פון...

**חיים** (בייז). ליגען זאָגסטו!

**יצחק**. אמת זאָג איך! (קלאַפּט זיך אויפ'ן האַנד). איך שעמ' נאָר אַזוינע, וועלכע האָבען מאָזאָליעס אויף די הענד פון אַרבײַטען... זײַ שעמ איך! כ'וויל ניט אַז בײַ אונז זאָלען פאַרנעהמען ערטער „רב חאַצקעלע” מיט אַ „רב פײַוועלע”—אַלע זענען גלײַך! אײַנע יחסנים! ווער עס קענן ניט שטעהן מיט אונז אין אײן שורה — זאָל געהן! (שטיל אַ ווײַלע).

**זלמן** (בעזאַכט). איך האָב אויך מאַזאָליעס אויף די הענד. פונדעסטוועגען ווײס איך ווער איך בין. (צו יצחק'ן) דו וועסט אפשר זײַן דער פיהרער פון דער אָרגאַניזאַציע?.. (צו שרה'ן) אפשר דו?

**יצחק**. פאַר וואָס ניט?!

**גאַלדע**. ער פערגעסט ווער ער איז (שמועות'ט מיט נחום'ן).

**יצחק**. איך פערגעס גאָר ניט ווער איך בין. איהר פער־געסט און לאָזט זיך טרעטען אויפ'ן קאָפּ... ס'איז פאַרהאַן בײַ אונז גענוג פּראָסטע אַרבײַטער וואָס זענען בײַ מיר טויזענדער מאָל העכער און טײַערער ווי אַלע אײַערע אינטעליגענטען!

**נחום** (רעדט זיך אין אַ זייט צו גאָלדען גאָר מען הערט ניט וואָס ער רעדט).

**גאַלדע**. אָבער וואָס האָט עס אהער פאַר אַ שײַכות יענעס'ס רעכנונג? געלד?..

**יצחק**. איך וויל זײַ דערמאָנען אונזערע אינטעליגענטען אַז זײַ האָבען אַנ'עסק מיט מענשען — ניט מיט קײנע פּראָים.

הײם. ערגער פֿון פּראָים זענט איהר!

יצחק. מען טאָהר ניט זאָגען דעם אמת.

זלמן. ערשטענס נעהמען זײ ניט קײן נדבות בײ אונז... פֿערגעסט ניט וואָס זײ גיבען אונז.

נחום (ווענדט זיך צו אַלעמען). איך בין פֿאַר אַלעמען מודיע אַז כ'טרעט אַרויס פֿון דער אָרגאַניזאַציע. ס'איז נאָך ניט געקומען די צײַט אַז כ'זאָל מיט אײַך אין אײנעם אַרבײַטען!.. איך מיט יצחק'ן זענען מיר קײן חברים ניט... (שטיל).

יצחק. אמת.

חיים (ווי צו זיך). הערען, וואָס אַ שטיק פֿערד פּלוידערט.

גאָלדע (איהר שטימע ציטערט). נחום, דו דאַרפֿסט עס ניט טהון... (מען קלאַפּט אין טיהר. אַלע הערען זיך צו).

זלמן (געהט צום טיהר). ווער איז דאָרט.

גאָלדע (געהט צום טיהר פֿרענט.) ווער איז דאָרט?

אַ שטימע (הינטער'ן טיהר). עפֿענט, עפֿענט...

נחום (ערוואַכענד געהט צום טיהר). מײַן שוועסטער!

גאָלדע (עפֿענט). די שוועסטער, נחום!

אסתּר (קומט אַרײַן מיט אַ קלײן פּעקעלע אין האַנד. זי וואַרפֿט זיך אָהן ווערטער נחום'ן אויפ'ן האַלז. אַלע שווייגען בלײַבענדיג אויף זייערע ערטער. קוקען צו אסתּר'ן און נחום'ן).

נחום (שטעלט זי פֿאָר). דאָס איז מײַן שוועסטער.

אסתּר (דערלאַנגט יעדערען בעזונדער די האַנד, מיט אַ שמייכעל). אַלץ דאָס אײגענע ווי בײַ אונז: די זעלבע פּנים'ער; די זעלבע אויגען... אַפֿילו די הענד אויך די זעלביגע... (צו נחום'ן), וואָס מאַכסטו. מעהר ווי אַ יאָהר ניט געזעהן זיך.

חיים. אָט האָסטו דיר אַ גאַסט, נחום.

אסתּר (זעצט זיך). אַ גאַסט יאָ, אַ גאַסט.

נחום. וואָס מאַכען זײ אין דער הײם?.. די מאַמע, דער טאַטע... ביזט צופֿוס געגאַנגען פֿון באַהן?

זלמן. האָסט גאָר, נחום, ניט געוואוסט אַז זײ קומען?

נחום. מיט אַ האַלבע שעה צוריק האָב איך דעם בריף ערהאַלטען אַז זי קומט. (צו אסתּר'ן) דערצעהל, וואָס מאַכען זײ?

אסתר. כ'וועל דיר אלץ דערצעהלען. (ווענדט זיך צו די הויזלייט) וואס הערט זיך עפעס ביי אייך? (טראכט א ווײלע) איהר וועט דאך ניט זיין ברגז, אז כ'וועל וואס פרעגען?

גאלדע. שטערט זיך ניט.

נחום. וואס ווילסטו פרעגען?

אסתר (מיט א שמייכעל) כ'וויל וויסען ווער זענען די אלע מענשען, וועלכע איך זעה?

יצחק שוועסטער אייגענע און ברידער אייגענע.

אסתר. ס'איז מיר זעהר אנגענעהם.

נחום (אונרוהיג). ס'האט וואס געטראפען?

אסתר (קוקט זיך יעדער ווײלע אום). ביי אונז האט מען זעהר פיעל מענשען ארעסטירט... איך אליין בין עפעס מיט א נס אנטלאפען געווארען... מיר דוכט זיך אז... כ'האב מורא אז כ'וועל זיך ניט אויסדרייען...

יצחק. לאכט דערפון, דא זענט איהר זיכער.

אסתר. כ'וויס אליין ניט .. עפעס דאס הארץ זאגט מיר אז כ'בין ארעסטירט... אז כ'בין ווי ארום'גערינגעלט פון אלע זייטען...

חיים. מיר זענען צוגעוואוינט צו אזעלכע זאכען... לאז מיר געהן אהיים, קינדער. זאלען זיי זיך אויסרוהען... אויס־דערציילען...

יצחק. ארבייט זיך עפעס גוט ביי אייך?

אסתר. זעהר גוט. ווען פאליציע וואלט אזוי ניט שטערען די לעצטע צייט.

חיים. נו, קומט אהיים.

שרה. איך געה.

גאלדע. איך וועל אויך געהן מיט אייך. (צו נחום'ן מיט אסתר'ן) איך קום באלד צוריק.

יצחק. מארגען וועלען מיר זיך זעהן (געזעגענט זיך מיט אסתר'ן). א גוטע נאכט.

חיים. אפילע מענשען האט מען ביי אייך ארעסטירט?

אסתר. א מאן דרייסיג.

**גאלדע.** אין אַ קליין שטעדטיל אַזוי פיעל מענשען אַרעמ־מירען!

**חיים.** אַ גוטע נאַכט.

**גאלדע** (טהוט זיך אָן). אַ גוטע נאַכט איך קום באַלד, אויב מען וועט אונז היינט ניט אַרעסטירען וועט מען מאָרגען קומען נאָך אונז .. מען דאַרף זיך ריכטען ... אַ גוטע נאַכט! (זיי געהן אַלע אַרויס. אַ לאַנגע פּויזע).

**אסתר** (שליסט צו די טהיר). כ'האָב אַזוי פיעל געהאַט וואָס צו רעדען און איך וויים איצטער ניט פון וואָס אָנצוהייבען (געהט צום פענסטער).

**נחום** (טהוט איהר אויס די שליאַפּקע פון קאָפּ). דערצעהל מיר וואָס ס'הערט זיך אין דער היים? טהו אויס דיין מאַנטעלע.

**אסתר** (נאָך אַ קורצען שווייגען) וואָס זאָל איך דיר פערצעהלען? דאָס אומגליק אין שטוב איז אַזוי גרויס, די צרות זענען אַזוי פיעל, אַז כ'האָב גאָר ניט די מעגליכקייט דיר אויסצוערצעהלען אַלעס.

**נחום.** און דער טאַטע?

**אסתר.** דער טאַטע לאָזט ניט לעבען פון פריה ביז נאַכט הערט ער ניט אויף צו עגבערען אין האַרצען... כ'מאַך זיך ניט הערענדיג... נאָר.

**נחום.** און די מאַמע וואָס מאַכט?

**אסתר.** די מאַמע האָט שוין קיין כח ניט צו לעבען. וואָלסט איהר גאָר ניט דערקענט — אַ הייפעל ביינער פון איהר געבליבען... קלאָגט דעם גאַנצען טאָג... דער טאַטע מיט זיין קוליע — אָהן איהר קען ער קיין טריט ניט שטעלען.

**נחום.** זיי באַקען נאָך ברויט?

**אסתר.** באַקען, וואָס כ'האָב פערדינט האָב איך זיי אַוועק געגעבען... דאָס געלד וואָס כ'האָב דיר געשיקט מיט עטליכע וואָכען צוריק האָב איך געליהען — כ'האָב נאָך ניט אַוועקגעגעבען. (אין אַ ווײַלע אַרום) אַז מען איז געפאָהרען קיין וואַרשאַ איהם מאַכען די אָפּעראַציע האָט מען פערקויפט אַלעס פון שטוב — די קישענס, די לייכטער...

נחום. מהום... מהום...

אסתר. כ׳ווייס גאר ניט וואס איצטער וועט זיין. אויב איך זאל ניט קענען צוריק פאהרען אהיים — איז שלעכט. זיי וועלען דארט פון הונגער אויסגעהן, דו דארפסט זיין דאפעלט שטארקער וואס דו זעהסט ניט וואס דארט טהוט זיך.

נחום. מען האט בעדארפט ברענגען טהע... איך שעם זיך דיר צו דערציילען אז כ׳האב קיין איין פרוטה ניט.

אסתר. כ׳האב אביסעל געלד.. צו פערדינסטו וואס?

נחום (שוואך). פרעג מיר ניט, שוועסטער. בעסער פרעג ניט, (שטארקט זיך). וואס זאל איך דיר זאגען מיין שוועסטער?.. ס׳פער׳גנב׳עט זיך דער „צווייפעל" אין הארצען.

אסתר. וואס הייסט?

נחום. אזוי... כ׳האב פאר דיר קיין ווערטער ניט... ניט אט אז עס גנב׳עט זיך אריין א קאלטע מחשבה אין הארצען אריין... שוועסטער מיינע, ס׳איז ניט כדאי אזוי פיעל צו ליידען, איך בוי הייזער פאר יענעם און אליין וואלגער איך זיך אין גאס.

אסתר (פערוואונדערט קיקט איהם גלייך אין פנים אריין). נחום! דו זאלסט עס זאגען?.. פון דיר זאל איך עס הערען?

נחום. (זיין שטימע ציטערט). דאס בלוט קיהלט זיך אב. איך בין א פרעמדער צווישען די אלע, פאר וועמען כ׳האב מיין לעבען מקריב געוועזען — פרעמד! פערשטעהסט עס? איך בין גרייט אליין, מיט מיינע הענד, צושמעטערען דאס וואס כ׳האב געבויט, אשמעטערען אז מיינע אויגען זאלען עס ניט זעהן.

אסתר. צוזאמען ארבייטען מיר.

נחום. אויפ׳ן סוף בין איך ערשט דערגאנגען אז מיר זעגען ניט מעהר ווי די שפענער וואס פאלען בעת מען האקט דעם וואלד... כ׳קען מעהר ניט ליידען... (שטיל).

אסתר. איך רעכען דא ווארטען ביי א וואך צייט און דערנאך זאלען מיר ביידע פאהרען אהיים. מיר וועלען ווארטען אויף בריעף, זעהן וואס מען וועט אונז שרייבען. איך גלויב אז צוליעב עפעס א שלעכטען איינדרוק רעדסטו אזוי... איך רעכען דו זאלסט מיט מיר פאהרען אהיים (פערטראכט זיך).

**נחום.** (געהט אום בלאָס איבער'ן צימער).

**אסתר.** אפשר איז פאַרהאַן אַביסעל וואַסער, נחום? (מען קלאַפּט אין טיהר).

**נחום.** (הערט זיך צו).

**אסתר.** (שפּרינגט אַב אונטער זיך). נחום! דאָס געהט מען אונז אַרעסטירען... נחום מען געהט מיך אַרעסטירען... איך שפּיר...: (מען קלאַפּט).

**נחום.** ווער איז דאָרט? (אונטער'ן טיהר: „עפענט").

**אסתר.** מען איז מיר נאָך געפאָהרען... נחום... (מען קלאַפּט שטאַרקער).

**נחום.** (עפענט. ס'קימען אריין איינינגע פּאָליציאַנטען אַ דוואָרניק און אַ מענש אין ציוויל קליידער).

**נחום** (בלייבט שטעהן אויף זיין אָרט).

**אסתר** (טרעט אונטער זיך ביז'ן פענסטער).

**דער בעאַמטער** (צו די איבריגע). שטעהט ביים טיהר. (גאַ נחום'ן) ווי רופט מען איַיך? (נעהמט פּאַפּיר מיט אַ בליישטיפט).

**נחום.** נחום.

**דער בעאמטער.** און דער פאַמיליע נאָמען?

**נחום.** גרין.

**דער בעאמטער.** ביזט דאָ פערמעלדעט?

**נחום.** יאָ.

**דער בעאמטער.** מיט וואָס פערנעהמסטו דיך

**נחום.** כ'לערען זיך.

**דער בעאמטער** (צו אסתר'ן). ווער זענט איהר?

**אסתר.** זיינע אַ שוועסטער.

**דער בעאמטער.** וואָס טהוט איהר דאָ?

**אסתר.** איך בין נאָר וואָס געקומען זיך זעהן מיט איהם.

**דער בעאמטער** (שמועות'ט זיך אין דער שטיל מיט דעם ציוויל מענשען ס'פאַנגט זיך אָן אַ לאַנגע אונטערזוכונג אומעדום אין גאַנצען צימער. נאָר מען געפינט גאָר גיט).

**נחום** (צו אסתר'ן). מען אַרעסטירט מיר און דער שרעקליכער מינוט פון מיין לעבען... איך שפּיר וואָס שרעקליכעס אין מיין נשמה...

דער בעאמטער (שרייבט).

אסתר. רעד קיין נארישקייטען ניט.

נחום. פינסטער אין הארצען — פינסטער און קאלט...

דער בעאמטער. וואס איז עס פאר א דריי בעטען ביי אייך?

נחום. דא וואוינען נאך צוויי געהמארענס.

דער בעאמטער (שטעהט נאך א ווילע אין מיטען צימער, קוקט זיך ארום אין אלע זייטען, לעזט פאר לאפענדיג וואס ער האט אנגעשריבען. צו נחומ'ן און אסתר'ן). טהוט זיך אן און קומט מיט מיר. איהר זענט ביידע ארעסטירט.

אסתר (איהר קול ציטערט). אבער... איך בין דאך נאר וואס געקומען?

דער בעאמטער. כ'וויים. שנעלער, שנעלער!..

נחום. מען האט דאך גאר ניט געפונען ביי מיר אין שטוב? (זיי טהוען זיך אן). איהר האט קיין רעכט ניט אונז צו ארעסטירען.

דער בעאמטער. דאס וועלען מיר שוין דארט זעהן, שנעלער, שנעלער!

נחום (געהענדיג צום טיהר). אין דער שרעקליכסטער צייט פון מיין לעבען... אין דער שרעקליכסטער צייט.

דער בעאמטער (נעהמט ארויס דעם שליסעל פון טיהר). נו נעהמט. (פריהער געהט ארויס איין פאליציי-מאן און נאך איהם אסתר זעהר בלאס).

נחום (בלייבט שטעהן אין טיהר). ווי אזוי וועלען דא קומען די קווארטיראנטקעס?

דער בעאמטער. געה, געה! מיר וועלען זיי שוין אליין איבערגעבען דעם שליסעל (געהן ארויס).

א פאליציי מאן (קומט אריין צוריק און לאזט אראב דעם פייער פון לאמפ, געהט ארויס. מ'הערט זיך דאס סקריפען פון שליסעל אין טיהר. שטיל. דער פייער פון לאמפ טיקט זיך, טיקט זיך ביז ער הערט אויף גאנצען פערלאשען).

פארהאנג.

# דריטער אקט.

### די דעקאָראַציע ווי אין דעם ערשטען אַקט.

מוצאי שבת. אויפ'ן טיש ברענט נאָך די ליכט פון הבדלה. ביים טיש רעכטס, זיצט אפרים אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויפ'ן האַנד. טראָגט א באַלאט אין אַרבל לעדיג... מעבען איהם שטעהט אַ קוליע. אויפ'ן שלאָפבאַנק זיצט אסתר. איינגעהילט אין אַ טוך, דאָס געזיכט איינגעפאַלען און חשך. רחל עסק'ט זיך ביים דער דייזשע צוגרייטענדיג אַ ראַשטשענע.

ארום פּעלץ.

**אפרים** (ניט אָבווענדענדיג דעם קאָפּ). וואָס זענען איוב'ס יסורים געגען מיינע? — גאָר ניט! מענשען האָבען קינדער, מען האָרע-ווערט זיי אויס, מען מאַכט זיי חתונה — פיהרט צו דער חופּה... און איך, אַ קללה פון גאָט ליגט אויף מיר און אויף מיין שטוב. (הוסט, שפּאַרט זיך אָן אויף זיין קוליע, געהט אַרויס).

**אסתר** (נאָך אַ קורצען שווייגען). ער וועט שוין אין גאַנצען עק'ן מיינע יאָהרען. אַ מענש זאָל ניט צומאַכען דאָס מויל פון אין דער פריה ביז שטאָק נאַכט!... עגבערט דאָס האַרץ, עגבערט, עגבערט... וואָלט איך קענען ערגעץ אַנטלויפען.

**רחל**. ווי קען מען זיך עס איינהאַלטען, שטומען? די גאַל קען דאָך פּלאַצען... און אַז איך שוויינ — אָך און וועה איז צו מיר.

**אסתר** (רעגט זיך). טאָ וואָס ווילט איהר פון מיר?! איך קען שוין מעהר ניט אַרבייטען; די כחות געהן מיר אויס... לאָזט מיר איינזיצען.

רחל. (קוקט זי מוטערליך אָן). נאַרישׁ קינד. ווער פֿער־לאַנגט עס פֿון דיר? ווי פֿאַלסט עס אויס צו רעדען? ביז מיינע לעצטע כחות וועל איך האָרעווען און כ׳וועל אייך ניט לאָזען פֿאַלען.

אסתר. טאָ וואָס קרעכצט איהר? וואָס זיפֿצט איהר? וואָס בעקלאָגט איהר מיר מיינע יאָהרען?

רחל. ווי זאָל איך ניט קלאָגען — אַז גאָט האָט אויף מיין שטוב אויסגעגאָסען זיין גאַנצען צאָרן?.. ער איז געבליבען אָהן הענד און אָהן פֿיס (דורך טרערהען). דו האָסט אָבגעפֿוילט צוויי יאָהר אין טורמע. (בעווייזט צום צווייטען צימער). און דאָרט... (איהרע ווערטער רייסען זיך איהר אָב). ענטפֿער מיר, רבונו של עולם!.. (אַ שווערע שטילקייט).

אפֿרים (קומט אריין. וואַשט די הענד און זאָגט שטיל „אשר יצר״) מען וואָלט שוין דאַרפֿען איינהייצען (צו אסתר׳ן). וואָס זיצסטו נעבען פֿענסטער, וואָס? ס׳איז דאָרט קאַלט.

אסתר. אַ קנאַפּע זאָרג.

אפֿרים (געהט צום טיש). אָט דאָס איז דאָך דאָס גאַנצע אונגליק אַז אַלץ־דינג איז ביי אייך קיין זאָרג ניט. אַז אייך וואָלט דאַרען דער מח וואָלט איהר דאָך איצטער אין אַזאַ מצב ניט געווען.

אסתר. פֿערשטעהסט זעהר אַסך.

אפֿרים. וואָרום וואָס קען טאַקע דער טאַטע פֿערשטעהן? גאָר ניט. טאַטע מאַמע זענען כּלבים אין שטוב, וואָס זיי זאָגען איז נאַרישקייט...

אסתר. נישט איך פֿרעג ביי דיר עצות, ניט איך וויל וויסען צו דו רעדסט חכמות, צו נאַרישקייטען.

רחל. אָט דאָס איז דאָס גאַנצע אומגליק. וועה איז מיר.

אפֿרים. כ׳האָב נאָך אַ עצה, איין שטיקעל עצה איז מיר געבליבען, אַנדערש וועל איך אָנהייבען...

אסתר (שטעלט זיך) איך וועל אַנטלויפֿען אַהין וואו די אויגען וועלען מיר טראָגען! לאָזט מיר לעבען! איך וויל זיך אַביסעל אויסרוהען נאָך די פֿינסטערע צוויי יאָהר... לאָזט מיר צו רוהה — זאָל זיך אייך דוכטען אַז אַ פֿרעמדע זיצט ביי אייך אין

שטוב. כ׳וועל אייך פאַר אַלץ=דינג בעצאָהלען — פאַר אַלץ! א ווילד פרעמדע זיצט ביי אייך אין שטוב — און לאָזט מיך צו רוה!..

רחל (וויינענדיג). „פרעמדע"... ווי לאָזט עס גאָר פון דיין מויל ארויס? פאַר וועמען האָב איך אַזוי פיעל געהאָרעוועט, געמאַטערט זיך דעם גאַנצען לעבען; דעם קליע פון די ביינער אויסגעטריקענט — פאַר וועמעס וועגען?...

אריה (א מענש פון א יאָהר 45 מיט א געלע באָרד, קומט אַריין).

אפרים (ניט מערקענדיג אריה׳ן). פערשאָלטען זאָלען ווערען פון גאָט, אָט די אַלע וואָס קלאָגען אויף קינדער — וואָס האָבען גאָר רחמנות אויף זייערע קינדער!..

אריה. גוט וואָך! ביז ווי לאַנג וועט איהר זיך אַלץ טומלען, קריגען זיך? וואָס איז דאָ געוואָרען מיט אייער שטוב?

רחל. וואָס זאָל איך טהון צו מיין אומגליק? צו דער עלטער איז מיר מיין שטוב פערפינסטערט געוואָרען. אַלץ האָט זיך איבערגעקעהרט... מיט׳ן קאָפּ אראָב און פיס ארויף וועה איז מיר!..

אריה (געהט צום טיש). נו, גענוג, גענוג... אויף אַפּילו וואָך וועט גאָט רחמנות האָבען (צו אסתר׳ן). וואָס מאַכסטו?

אסתר (שווייגט).

אריה. ביזט ברוגז מיט מיר?

אסתר. כ׳האָב אייך ניט וואָס צו ענטפערען.

אריה. דער פעטער פרעגט, וואָס דו מאַכסט — און די ווילסט איהם גאָר ניט ענטפערען.

אסתר. כ׳האָב אייך גאָר ניט וואָס צו ענטפערען.

אריה. אַלץ וועט זיין צוריק ווי געוועזען; ווייס נאָר ווי זיך אויף ווייטער צו פיהרען. דאַרפסט זיך פרעהען וואָס ביזט שוין, גאָט צו דאַנקען, ווידער אין דער היים—ווידער ביי טאַטע מאַמע...

אסתר. איך פרעה זיך.

אריה (ווענדט זיך אָב). אפשר זענט איהר גרעסערע געלערנטע — אפשר זענט איהר קליגער. — אפשר זענט איהר עלטער...

אפרים. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? כ׳האָב מיר שוין

אָנגעהויבען צו שרעקען—פאַר זיך אליין פראַסט ... פאַר מיינע איינע־נע ווענד שרעק איך מיר ... אז כ'הויב זיך אָן צובעקלערען וואָס פון מיר איז געוואָרען פאַר די לעצטע פאָר יאָהר — אייזען וועןן מיינע כחות זאָלען זיין, שמשונ'ס כחות איך זאָל האָבען, וואָלט איך אויך געמוזט פלאַצען, פאַלען פאַר דער צייט!

**אסתר** (לעגט זיך אויפ'ן שלאָפבאַנק מיט'ן קאָפ צום וואַנד קרעכצט).

**רחל** נעהם דיר אַ קישען, אסתר:

**אסתר** (שווייגט).

**רחל** אסתר. נעהם דיר אַ קישען. (ברענגט פון צווייטען צי־מער אַ קישען, דערלאַנגט איהר) נאַ דיר.

**אסתר**. כ'בעדאַרף קיין קישען ניט.

**רחל**. הויב אויף דיין קאָפ. פאַר וואָס פערשאַפסטו מיר אַזוינע יסורים? פאַר וואָס בין איך אַזוי בעשטראָפט?

**אסתר** (ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפ). וואָס בעקלאָגסטו מיר?— איך לעב נאָך.

**רחל**. (וואַרפט דעם קישען איהר צופוסענס. וויינט זיך שטאַרק פונאַנדער). רבונו של עולם! נעהם ביי מיר דאָס לעבען מיינס! מאַך מיר דעם טוידט... פאַר וואָס פאַר אַ זינד זאָל איך עס אליין אָנקוקען?.. (וויינט איבערגעבויגען אויף דער רייזשע).

**אסתר** (הויבט אויף דעם קאָפ). וואָס איז?! משוגע זענט איהר געוואָרען? איינס איז מיר געבליבען — וואַרפען זיך פון בריק אין וואַסער אריין.

**אריה** (צו רחל'ען). וואָס האָסטו זיך אין אמת'ן צוויינט אויף אַ פולע וואָך? רחל!

**רחל** (כליפעט).

**אסתר** (הויבט זיך אויף. געהט אום איבער'ן צימער). אויב אַזוי וועט זיין ווייטער אויך, וועל איך מסתמא ניט לאַנג אָנציהען... נאָר גיך וועט נעהמען אַ סוף (הוסט זיך שטאַרק פונאַנדער).

**אריה**. טאַקי אין אמת'ן וואָס בעקלאָגט איהר זיך די יאָהרען?

נחום (אין צווייטען צימער, ברעכט אויס מיט א ווילדען געלעכטער), חא—חא—חא—חא—חא—חא!

רחל. אט איז מיין גאנצער נחת! ער האט זיך שוין אויפגעכאפט.

אפרים. ער וועט מיר שוין עק'ן מיינע רעשטע יאהרען.

אריה. נעכטען איז ער דאך גאנץ רוהיג געזעסען — ווי האט ער פערבראכט די נאכט?

רחל. ווי קען איך עס גאר טהון אזא זאך! מען הייסט מיר איהם אוועקגעבען אין משוגעים הויז — וועה איז מיר! איין קינד; איין אויג אין קאפ... וואס זאל איך טהון, וואס זאל איך מאכען?

אפרים. אזא סוף זאל אויסגעהן פון אלע אט די, וואס ווילען ניט געהן אין גלייכען וועג! ער האט געווארפען זיין טאטען א קאליקע, אהן הענד, אהן פיס און איז געגאנגען רייך מאכען די גאנצע וועלט... אומזיסט שטראפט ניט גאט; גאט ווייסט וואס ער טהוט. ביטער ווי דער טוידט איז מיר, אז כ'בעדארף אנגעהמען פאר רעכט דאס, וואס איז אויף מיין איין און איינציגען זוהן אנגעשיקט געווארען... (פון צווייטען צימער הערט זיך שפרינגען און קלאפען און קולות: „כאפט איהם"! „כאפט איהם"!).

רחל. געה, אריה, אפשר וועסטו איהם קענען בערוהיגען.

אסתר. ער וועט ניט פאלגען (געהט צו צום טיהר). נחום, וואס איז דיר? בערוהיג זיך. לעג זיך אויפ'ן בעט און שלאף (קולות: „כאפט איהם!").

נחום (ערשיינט אויף דער סצענע, די האר צופלאנטערט, בעשמירט מיט די הויז-לייט, קוקט צו דער סטעליע, ווי ער וואלט וואס כאפען אין לופטען, שרייט): כאפט איהם! וואס שטעהט איהר און שווייגט?... אנטלאפען געווארען אט איז ער דארטען וייט ווייט... (כאפט אריה'ן פאר'ן ארבעל). אט איז ער! איצטער וועסטו שוין ניט אנטלויפען פון מיר (ווערט פלוצלונג רוהיג. קוקט פערוואונדערט אריה'ן אין געזיכט, לאזט אב ניט פיהלענדיג אריה'ס האנד).

אריה. האסטו מיר ניט דערקענט?

רחל (מוטערליך). נחום'קע, מיין קינד, דו ווייסט ווער דאס איז?

נחום (קוקט אָן אריה'ן אונבעוועגליך, ווי ער וואָלט זיך וועלען וואָס דערמאָנען, פאַנגט אָן ציטערען פֿון קעלט. קוקט זיך אַרום).

אסתר. וואָס ס'איז דיר, נחום? (קושט איהם אויפ'ן שטערען). דיר איז קאַלט? אֶפשר וועסטו זיך געהן לעגען?

נחום (שוואַך). כ'וועל דאָ זײַן.

רחל. רבונו של עולם, ענטפֿער מיר

אריה. נחום, דו ווייסט וואו דו ביזט?

נחום (קוקט איהם אָן מיט חשד). פֿאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען וואו איך בין?

אסתר (זעצט איהם אויפ'ן שלאָף=באַנק). זיץ דאָ.

רחל. וואָס ציטערסטו אַזוי, מײַן קינד, דיר איז קאַלט?

אפרים (קוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען).

נחום (ציטערט. ס'קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן) מיר איז זעהר קאַלט.

אסתר. איך וועל דיר ברענגען דעם וואַרעמען מאַנטעל. (זי ברענגט פֿון צווייטען צימער אַ מאַנטעל און הילט איהם איין).

נחום (קוקט זיך אַרום). וואו בין איך?

רחל. בײַ אונז אין שטוב ביזטו דאָך, בײַ דײַן מאַמע מאַמע... אָט זיצט דאָרט דער טאַטע; אָט איז דער פֿעטער אריה; אָט איז דײַן שוועסטער, אסתר; פֿאַר וואָס ווייסטו ניט וואו דו ביזט?

נחום (שוואַך). וואָס טהוט איהר דאָ אַלע?

אסתר. דאָ וואוינען מיר דאָך; דאָס איז דאָך אונזער שטוב — האָסט פֿערגעסען?

נחום (קוקט זיך אַרום פֿערוואונדערט).

אפרים (געהט צו מיט זיין קוליע). דו דערקענסט גאָר ניט דײַן טאַטען? איך בין דאָך דײַן טאַטע; דײַן טאַטע אפֿרים...

רחל. טאַטע פֿאָטער אין הימעל! האָב רחמנות אויף מיר, אויף מײַנע אַלטע יאָהרען (ווישט מיט'ן אַרבעל די טרערען קוקט נחום'ען אין פּנים). נחום'קע, דו דערקענסט מיר ניט?

נחום (וויל אויפשטעהן). לאָזט מיר איך וויל פֿון דאַנען אַוועק געהן. (לאָזט זיך אַראָב צוריק אין אָהנמאַכט). לאָזט מיר געהן...

וואס ווילט איהר פון מיר? לאזט! (שטארקט זיך). לאזט מיר!

רחל (האלט איהם פאר ביידע הענד), וואוהין רייסטו זיך? ביזט דאך אין דער היים, מיין קינד.

אסתר. דיר איז שוין נים קאלט?

אפרים. פיהרט איהם אריין אין קאמער.

רחל. זאל ער זיין דא אפשר...

נחום (כאפט זיך פלוצלונג פאר'ן קאפ מיט א געשריי). הא — הא — הא — הא! מיין קאפ! מיין קאפ!

אריה. ווער טשעפעט דיך?

אסתר (נעהמט איהם ארום). בערוהיג זיך; בערוהיג זיך; איך זיץ דאך נעבען דיר

נחום (בעהאלט דעם פנים ביי אסתר'ן אויפ'ן האנד). ראטעוועט מיר. לאזט איהם נים צו צו מיר. זיי ווילען מיר מיין קאפ אראב־שניידען פון פלייצע... לאזט נים, לאזט נים (קוקט צו דער סטעליע מיט א שמייכעל). אט איז ער דער אדלער מיינער, אט איז ער דארט. כאפט איהם! טייערער יאהר בין איך אויף איהם געריטען (שפרייט אויס דיינע הענד). קום צו מיר, צו מיר... ווייט איבער די וואלקען זענען מיר געפליגען; ווייט נעבען די הימלען זענען מיר געווען... שווארצע וואלקען ציהען — מיר איבער זיי... ווייסע וואלקען פליהען — מיר איבער זיי (שטיל). שווייגט, שווייגט... ער פליהט ווידער צו מיר ש־ש־ש — ער פליהט צוריק צו מיר... גלייך צו מיר... ווידער צום הימעל וועלען מיר זיך טראגען... אלע פינסטערע וועלטען וועלען מיר דורך־פליהען... יב'ן זענען מיר דורכגעפלויגען. פאליעס טראגען — מיר איבער זיי... איין פאליע שלידערט, די אנדערע כאפט אונטער, און מיר זענען אי־בער זיי... אין שנע איז קאלט געווען... לאנגע שטיוועל אנגעטהון האב איך, זענען מיר דורך די פינסטערע וועלדער געפליגען. זענען ווילד אויפ'ן וועג אנגעפלויגען. כ'בין א מלאך האב איך גע־זאגט. איך בין... (שטילער) איך בין דער מלאך מיכאל, רפאל — אין הימעל אריין האב איך געוואלט אריינפליהען — די וואלקענס אראב־רייסען... אויפ'ן קאפ איז נאך געבליבען א שטיק שנע־ווייסע

יואָלקען (בּעוויזט אויפ'ן קאָפּ). אָט קוקט ס'הענגט נאָך אַ שטיק וואָלקען. (הוסט).

**אסתר.** בּערוהיג זיך. כ'ווייס עס שוין; כ'ווייס עס שוין.

**נחום** (קוקט אָן אסתר'ן מיט אַ שמייכעל). און ווער בּיזטו זאָג? בּיזטו דער מלאך גבריאל צו דער מלאך רפאל? קוקט איך בּין צווישען די וואָלקען. איך פאָהר אויף אַ גרויסען פיש (טאַפּט ארום זיך). אויף זיין רוקען זיץ איך. איהר זעהט ווי ער טראָגט מיך? פיו, פיו... ווייטער ווייטער...

**אפרים.** טונקט איין אַ טיכעל אין קאַלטע וואסער און פערבּינד איהם דעם קאָפּ.

**אריה.** דאָס איז די איינציגע עצה: נאָר אַהין...

**רחל.** ווי קען איך עס טהון?

**אסתר.** איך וועל ניט לאָזען מען זאָל איהם נאָך אַ מאָהל אין טורמע זעצען — גענוג!

**אריה.** ווען כ'וואָלט זעהן, אַז ס'געהט צו בּעסער.

**נחום** (קוקט אָנגעשטרענגט צו דער סטעליע).

**רחל** (קוקט איהם אָן און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). אָט דאָס איז די גאַנצע צרה. ס'האָט זיך איהם עפּעס איין געהאַקט אין קאָפּ; איין זאַך האָט זיך איהם איינגעהאַקט. אַז ער איז איצטער אויף אַנ'אַנדער וועלט; ער ווייסט גאָר ניט וואָס אַרום איהם טהוט זיך. כ'האָבּ זיך געפרייט נעכטען... ער האָט גערעדט ווי אַ קלאָרער מענש: דערצעהלט ווי ער האָט דאָרט געלעבּט, ווי מען האָט איהם געמאַטערט... כ'האָבּ געמיינט אַז גאָט האָט אויף מיר רחמנות געהאַט.

**אפרים.** (געהט אַריין אין צווייטען צימער).

**אסתר** (קוקט נאָך אפרים'ען). ער דערקוירצט נאָך מעהר די יאָהרען (די גאַנצע צייט האַלט נחום אין איין שעפּטשען, כאַפּט וואָס אין לופטען).

**רחל.** ווי רעדסטו עס אַזוינע ווערטער? אַזאַ עלטער אַזאַ עלטער. אויבּ ס'פּלאַצט אין איהם ניט די גאַל איז ער שטאַרקער פון אַייזען.

**נחום** (ערוואַכענד). פון באַרג בּין איך אַראָבּגעפאַלען? איך

פֿאַל! איך פֿאַל! ראַטעוועט מיר... ראַטעוועט. איך פֿאַל אין ים אַריין...
איך פֿאַל אין תּהום אַריין... (שרייט). איך פֿאַל אין תּהום אַ רײַן!!

**אסתּר** (גלעט איהם. וויינענדיג). שרײַ ניט אַזוי... שרײַ ניט אַזוי. ווייסט דאָך אָהן כּחות בלײַבען.

**נחום** (שעפּטשעט). האַלט מיר צו... האַלט מיר צו...

**רחל** (טונקט איין [אין קאַלטע וואַסער אַ טיכעל און וויל איהם פֿערבינדען דעם קאָפּ). לאָז, מײַן אוצר, איך וועל דיר אַרום־בינדען דעם קאָפּ.

**נחום** (שפּרינגט אויף פֿון אָרט). איך לויף, צו די בערג וועל איך לויפֿען. דאָרטען וואַרט ער אויף מיר, דער אָדלער מײַנער, צווישען די שוואַרצע וואָלקען זיצט ער און וואַרט אויף מיר... ער שפּרייט אויס זײַנע פֿליגעל און ווינקט צו מיר. ער בענקט נאָך מיר... (ווינקט). קום צו מיר! קום. איך וועל דיר גאָר ניט טהון, דו האָסט מיר בייזן אָבגרונד אַרײַנגעשלײַדערט... שלאַנגען האָבען מיר לעבעדיגערהייט געוואָלט אײַנשלינגען און דערנאָך די פֿאַליעס (שנעל). איינע אויף דער אַנדערער... אויף דער אַנדערער. איינע אויף דער אַנדערער... אָט זיצט ער, דער אָדלער מײַנער... רחמים בעט ער ביי מיר...

**רחל**. בינדט איהם אַרום זיין קאָפּ ער מערקט ניט).

**נחום** (רעדט זעהר שנעל). געדענקסט, ווען מיר האָבען צו ־ער זון געפֿליגען... אויף יענער זייט וואָלקען געוועזען... אַראָב פֿון דאָרט (סאַכט מיט די הענד). פֿיו — פֿיו!

**רחל**. עפּעס אַן׳אָדלער האָט זיך איהם אין מח אײַנגע־האַקט — וואָס פֿאַר אַ יסורים האָט מען איהם דאָרט אָנגעטהון ס׳גיט אַ קלאַפּ אין פֿענסטער).

**אריה** (געהט צו צום פֿענסטער. קוקט זיך איין). ווער איז ־אָרט? פּראַים! האָבען זיך אַרום געקליבען אַרום פֿענסטער האָ־נען ניט קיין בעסערס וואָס צו זעהן... פֿערד שטיקער... גרוי־ ־ע מענשען... אַרײַנגעקראָכען אין שויב אַרײַן!

**רחל**. וועה איז מיר, וועה איז מיר.

**נחום** (געהט אום איבער׳ן צימער מאַכט מיט׳ן האַנד). אַ גרוי־ ־ער שטראָם וואַסער האָט געפּלײַצט — אויך איבער איהם...

כ'האָב קיין מורה ניט! פאַר'ן תהום -- קיין מורא ניט! פאַר'ן לויתן — קיין מורא ניט! כ'בין פון פאַליע צו פאַליע געשפרונגען... פון איין עק וועלט צום אַנדערען געשפרונגען... (שפירט פלוצלונג די נאַסע טוך אויפ'ן קאָפּ. כאַפּט זיך מיט ביידע הענד פאַר'ן קאָפּ). ראַטעוועט מיר! ראַטעוועט מיר, איך טרינק זיך! איך טרינק זיך (בעט רחמים). וואָס שטעהסטו דאָרט... קום צו מיר מיין אָדלער, און נעהם מיר אויף דיינע פליגלען... דו שטעהסט אויפ'ן שפּיץ פעלזען און איך טרינק זיך... ווע'מען האָסטו דאָרט? דאָ בין דאָך... (קלאַפּט זיך אין הארצען). אָט בין איך דאָך... דו זעהסט ניט? (וויינט). האָסט גאָר קיין רחמנות ניט אויף מיר, האָ? האָסט מיר פון דיינע פליגעל אַראָבגעוואָרפען און איך טרינק זיך ביז'ן האַלז אין וואַסער... זעה ביז'ן האַלז אין וואַסער שטעה איך... קיינער ראַטעוועט מיר ניט... קענסט מיר ניט... איך בין דאָך עס... איך אַ יתום בין איך... איך, דער יתום, שטעהט אין וואַסער און בעט רחמים... עלענד בין איך... אַליין בין איך!.. אַ יתום בין איך!.. (לאָזט זיך אַראָב).

אסתר (וויינט איבער איהם). וואָס שרייסטו? וואָס וויינסטו... אין שטוב ביזטו דאָך... האָב קיין מורא ניט. אָט בין איך דאָך, דיין שוועסטער נעבען דיר...

נחום (קוקט זיך אַרום. שפירט אַז ער זיצט אויף דער ערד. וויל זיך אויפהויבען און לאָזט זיך מאַכט־לאָז צוריק אַראָב). וואו בין איך?

רחל. וועה איז מיר! אָן כח איז ער געבליבען. אַז מען בינדט איהם אַרום דעם קאָפּ מיט קאַלטע וואַסער לאָזט עס איהם אַביסעל אָב.

אריה. קאַלטע וואַסער דאַרף מען איהם מאַכען.

נחום (געהט לאַנגזאַם אַריין אין צווייטען צימער. אסתר געהט איהם נאָך).

אריה. ער וועט אייך אַלעמען דאָ פערמאַטערען... (עס קימען אריין אין שטוב צוויי יונגע מענשען. בלייבען שטעהן ביים טיהר).

די יונגע לייט. גוט וואָך! (רחל און אריה קוקען זיי אָן).

ערשטער. אסתר איז פאַרהאַי?

רחל. איך ראָט אייך קינדערלאַך איהר זאָלט בעסער

אוועק געהן. ס'איז מיר אזוי אויך גענוג ביטער... מיין מאן וועט נאך ארויסגעהן...

צווייטער. מיר האבען געדארפט זעהן אסתר'ן.

**אפרים** (רייסט זיך ארויס פון צימער). ווער איז דארט?! זיי זענען געקומען אהער?... ארויס! ארויס! איהר וועט נאך מיין שוועל איבערטרעטען?! איהר האט מיר... איהר האט מיר... מיין שטוב האט איהר מיר חרוב געמאכט... ווי האט איהר עס א העזה?! הא?! (זיין קוליע פאלט איהם ארויס פון האנד, זיינע פיס טרייסלען זיך איהם, שרייט). זעהט וואס איהר האט מיר אנגעמאכט... א—רויס פון מיין שטוב!! א—ר—ויס!! גז—לנים, מער—דער! רשעים רש—עים!!

**אסתר** (לויפט אריין). טאטע! זאלסט ניט סמייען! טאטע! זאלסט ניט! קיינער וועט מיר מיין לעבען ניט... קיינער... (הוסט זיך שטארק פארנאנדער מיט א בלוטשטורין שרייענדיג:). קיינער וועט מיר ניט... (די יונגע לייט מאכען זיך ארויס פון שטוב).

**אפרים** (שטעהט אויף זיין ארט ווי צוגעשמידט שאקעלט זיך ווי שכור... שעפשעט „רש—עים... רש—עים"...)

**רחל** (לויפט צו אסתר'ן).

פארהאנג.

אנב"ע.